Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 8 זייטען

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 251/1246 | Łódź, Czwartek 3 Listopada. 1927 | פינפטער יאהרגאַנג | לאדז, דאנערשטאג, ה׳ מרחשון תרפ״ח | Nr. 251/1246

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71=24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel 2471.

# דעוויזן=בעגרענצונגען ווערען אָפּגעשאַפט

## היינט עפענט זיך די לעצטע סעסיע פון סיים.

וואַרשאַ, 2 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט) דער פינאַנץ-מיניסטער טשעכאָוויטש האָט היינט אונטערגעשריבען אַ פעראָרדנונג, וואָס שאַפט אָפּ אַלע דעוויזען-בעגרענצונגען. די דאָזיגע פעראָרדנונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אויפ׳ן סמך פונ׳ם סטאַביליזאַציע-פּלאַן.

די דאָזיגע פעראָרדנונג און אַ רייהע אַנדערע, וואָס זענען מיט דעם ענין פערבונדען, וועלען פערעפענטליכט ווערען נאָכדעם, ווי ס׳וועט אַרויס דער דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט וועגען ענדערען דאָס געלד-סיסטעם אין פּוילען.

## נייע גאָלד= און זילבער=מטבעות.

וואַרשאַ, 2 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דאָס נייע מאָנעטען-סיסטעם, וואָס דאַרף איינגעפיהרט ווערען אין פּוילען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סטאַביליזאַציע פון זלאָטי, זעהט פאָראויס פאָלגענדע נייע מטבעות: אַ גאָלד-דוקאַט — 25 זלאָטעס, זילבערנע 5-זלאָטיגע מטבעות; די זילבערנע זלאָטעס וועלען מעהר נישט געשטאַנצט ווערען און וועלען פערביטען ווערען מיט ניקלענע.

---

## קינדער אונטערגעצינדען אַ בענזין=סקלאַד.

ניו-יאָרק, 2. (ספּ. טעל.) נישט ווייט פון ניו-יאָרק האָבען עטליכע קינדער, שפּילענדיג זיך מיט שוועבעלעך, אונטערגעצונדען 4 ציסטערנעס, אין וועלכע ס׳האָט זיך געפינען 40 טויזענד גאַלאָן בענזין. ס׳איז ענטשטאַנען אַ מורא׳דיגער אויפרייס און שרפה, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלען שאָדען

## נייע סענסאַציע מיט גענ. זאַגורסקי

### זיין בעגעגעניש מיט אַ ג. עסטרייכישען גענעראל.

וויען, 2 (ספּ. טעל.) „קוריער וויעדענסקי” ברענגט אַ סענסאַציאָנעלע רעוועלאַציע וועגען פערשוואונדענעם גענעראַל זאַגורסקי. דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג דערצעהלט, אַז איהם האָט איינגעלאַדען אַ גענעראַל פון דער עסטרייכישער אַרמעע, און האָט איהם איבערגעגעבען וועגען זיין בעגעגעניש מיט׳ן גענעראַל זאַגורסקי אין אַ קוראָרט. ביידע גענעראַלען זענען פריינד נאָך פון דער עסטרייכישער אַרמעע, און גענעראַל זאַגורסקי האָט זיין חבר דערצעהלט, אַז אייגענטליך איז ער גאָרנישט ענטלאָפען, נאָר... וועגען דעם ווייטערדיגען שווייגט דער רעדאַקטאָר, ווייל מ׳האָט איהם געבעטען נישט צו פערעפענטליכען.

---

## מעמאָריאַל צום פּרעמיער וועגען די יודישע קהלות.

וואַרשאַ, 2 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט) די יודישע דעפּוטאַטען, וואָס געהערען צום נאַציאָנאַל-ראַט, האָבען בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום פּרעמיער פּילסודסקי מיט אַ מעמאָריאַל וועגען דעקרעט מכח די יודישע קהלות. דער מעמאָריאַל וועט אַרויסטרעטען געגען שטאַנדפּונקט, אַז די קהלות זענען נאָר רעליגיעזע געמיינדעס און נישט קיין נאַציאָנאַלע. דער נאַציאָנאַל-ראַט וועט זיך וועגען דעם ענין אויך בעמיהען מכוח אַן׳אוידיענץ ביים פּרעמיער.

---

## דאַלאַרובקע.

### ווער האט געוואונען.

וואַרשאַ, 2. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). היינט איז פאָרגעקומען די ציהונג פון דער דאָלאַרובקע. עס זענען געצויגען געוואָרען 57 געווינסטען. געוואונען האָבען:

8,000 דאָלאַר — 68599.

3,000 דאָלאַר — 24613.

1,000 דאָלאַר — 374302 537012 860038 394168 21371.

500 דאָלאַר — 440 683 305038 458345 449350 449977 620554 419329 400597 593171 674663.

100 דאָלאַר — 258284 36614 812284 808559 602294 210104 268306 513397 488688 725400 113729 589277 922528 865818 536854 638207 778058 529954 515228 475586 52838 349219 691051 687535 820007 834240 812955 987452 430594 449804 278732 80692 1810 91298 054270 801354 840144 798721 940753 769305.

## דאַנקזאַגונג.

דער פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען בילדונג און טעכנישע וויסענשאַפט צווישען יודען, די לעהרער פון גימנאַזיום פון דער אינדוסטריע=שולע פון דער געזעלשאַפט, די שילער פון דער שולע, ווי אויך אַלע פריינד, וועלכע האָבען אזוי צאַהלרייך אָפּגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען

# נ. ע. אברהם שווייצער

בעזונדערס די ה״ה דאָקטוירים דאַווידאָוויטש און איטעלזאָן פאַר דער זאָרגפעלטיגער השגחה און ערצטליכע הילף, וועלכע זיי האָבען דעם פערשטאָרבענעם געלייסטעט בעת זיין לאַנגער קראַנקהייט ביז צום לעצטען מאָמענט, דריקט אויס איהר האַרציגען דאַנק

## די פאַמיליע.

50

## בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מעלדען מיר, דאָס מיר טרעטען צו צו גריגדען אין אונזער שטאָדט

# אַקאָאָפּעראַטיווען-באַנק

BANK SPÓŁDZIELCZY

ביז מיר וועלען האָבען אַ אייגענעם לאָקאַל, קען מען צייכענען אודזיאַלען יעדען טאָג פון 8 ביז 10 אָוועגד אין סעקרעטאַריאַט פון אַגודת-ישראל, נאַרוטאָוויטשאַ 11.

ארגאַניזיר=קאָמיטעט

פון אַ קאָאָפּעראַטיווען-באַנק אין לאָדז.

48

# אזהרה גדולה

## מהראבינאט דפה לודז.

אַזוי ווי אין לאָדז עקזיסטירט שוין מקדמונים אַנ׳איסור אויף פרעמדע שחיטה און הרה״ג ר׳ אליהו חיים מייזעל זצ״ל האבד״צ דפה לאָדז האָט דעם איסור מחזק געווען. דעריבער איז דער ראַבינאַט מעורר די היגע יודישע בעפעלקערונג, אַז זיי זאָלען נעדענקען אין דעם איסור החמור, און אין קיין פאַל נישט דערוועגען צו קויפען קיין פרעמדע שחיטה, וועלכע איז אויסער׳ן איסור, אויך בחשש נבלה וטרפה און דערו׳ף אַכטונג געבען הן ביים געגלער און הן ביי די קצבים, וועלכע האַקען צו געגז צום רינד=פלייש.

אויך די וואורשטען-מאַכער ווערען געוואָרענט, נישט צו קויפען בשום אופן קיין פרעמדע שחיטה.

הרבנים הממונים על שחיטת עופות.

49

# אַנאָנסען אין „נייעם פאָלקסבלאַט”

## האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג!

